# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Dunern Um Harbst / Thundering Around Autumn

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/9ch585jx

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

### Author
Ish Yair, Ish Yair/

### Publication Date
1980

### Copyright Information
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

איש יאיר / מאָנטרעאל

# דונערן אום האַרבסט

(סקיצע פון דער סעריע „מיין שופלאָדל דערציילט“ — געשריבן אין 1937)

## א.

אין אַ זונטיקדיקן נאָכמיטאָג, האָט הערשל אַוועקגעלייגט זיין מיד בינטל ביינער און צעוויטיקט געמיט אויפן פולן בּאַראָט פון דער קאַנאַפּקע. איינער רעדט: טראַג דו דאָס פעקל! זיינע אויגן האָבן זיך נאָך געגליטשט איבער די שורות פון דער צייטונג, פונקט ווי אַ פּראַכט־צוג דערשלעפּט נאָך מיט כוח פון אינערץ די לעצטע שפּאַן איבער די רעלסן, כדי אַנט־דרימלט צו ווערן ערגעץ אויף אַ בלינדער ליניע. די אויגן האָבן געפינטלט ווי לאַ־קאַמאַטיוו־לאַמטערנס פון אַ נעפּל אַרויס. דער געדאַנק האָט אַוועקגעשליכט אין די איינהילן פון שלאָף. דער שלאָף האָט איינגעדעקט זיין מיד, צעוויטיקט געמיט, ווי גאָר אַמאָל, קינדוויז, נאָך אַ ביטערן וויינען, ווען ער פלעגט איינדרימלען אין אַ פאַרלאָזן ווינקל, מיט אַ פּנים — פאַר־שטיפט פון פאַרטרוקנטע טרערן—

פיינלעכע אַנונג אונטער אַ שלייער פון טרייסטנדיקן שלאָף—

איבערן טונקעלן צימער האָט זיך צע־קלאָגט אַ מאָנענדיק שנאָרכן...

עס איז געווען אַ נעפּלדיקער טאָג אין שפּעטן נאָוועמבער, 1937. דער נעפּל האָט זיך געשפּרייט, ווי קנוילן רויך, אי־בער די פאַראומערטע גאַסן. די בּעץ האָט געקוויטשעט אונטער די טריט; ס'האָט אויסגעזען ווי אַן אַנגסטיקער שוויס וואָלט באַגאָסן דעם פּרצוף פון דער גאַס. אַ דעמפּיקע שטיקעניש פון אַ שוויצבאָד.

און פּלוצלונג, האָט דער הימל — ווי אַן איבערגעפּרעסענער פאַרשוין — זיך צע־שלוקערצט מיט געדונער; און בליצן, ווי היסטערישע געגעצן, האָבן צעריסן זיין מויל. אַ רעגן פון דערלייכטערונג האָט אַ פלייץ געטאָן ווי אין מיטן יולי. אַלע צוימען האָבן געפּלאַצט. דער דונער האָט געדעוועט, געקנאַקט, און אויסגעלאָזט מיט פּאַטעטישן געבייזער. בליצן האָבן זיך געיאָגט מיט דער פלינקייט פון צעוויל־דעוועטע קעץ. האָט איינער געשניטן דעם הימלישן מאַנטל, ווי די קרומע שאַבליע פון וואַלד־גזלן די חשכות פון דער נאַכט; האָט אַ צווייטער—געשטשירעט מיט דער שינאה פון זיינע בלאַנקע ציין; און אַ לעצ־טער האָט אַ ברי געטאָן ווי דער בלענד פון זיין שעלמיש אויג. די וואָלקנס האָבן זיך געאיילט אין פּאַניק, ווי איבערראַש־טע פון דעם פּלוצלינגדיקן אויפבּרויז. אַ ראַנד פון הימל האָט זיך אַנטפּלעקט אין מאַטער בלויקייט. דער הימל — אין שפּיל פון קרענקלעכן בלוי מיט אַשיקן חושך — האָט אויסגעזען ווי דער פּרצוף פון אַ טייוולאַנישן כישוף־מאַכער אויף קונסט־בילדער. פיל אומהיימלעכס האָט געהוי־ערט איבער דעם דאָזיקן זומערדיק־לײדנ־שאַפטלעכן אויסברוך אין טיפן האַרבסט.

ווען הערשל לאַזאַר האָט זיך אויפגע־כאַפּט פון דעם הילכיקן דונערן, האָט, דורכן איינציקן פענצטערל אין זיין צי־מער, אַריינגעשמייכלט, שעמעוודיק, אַ וויטע פאַרגייענדיקע זון. די זון־שטראַלן האָבן זיך געצאַפּלט איבער דעם קרענק־לעכן שיין, ווי די וויעס איבער דעם פאַר־צווייפלט־בעטנדיקן בליק פון אַ פרוי, וועמענס יוגנט ס'האָט אויפגעפלאַמט צום לעצטן מאָל...

הערשלס בליק האָט זיך געעפנט מיט

---

צי פּשוט סתם
מיין מידער גולמדיקער
גוף
וואָס טוט באַהאַלטן מיך
און אויכעט זיך
טיף אונטער אַלטע
פערענעס
און קויטיקע
ירושהדיקע
איבערבעטן?

קינדעריש־אויסגערוטער פאַרגאַפונג, און האָט כּהרף־עין אָפּגעגלאַנצט מיט דעם עסנדיקן ביטול, וואָס איז אים לעצטנס אייגן. דער קנייטש ביים לינקן מויל־ראַנד, וואָס ציט זיך ווי אַ שניט פון אונטערן אויג ביז טיף אין דער גאָמבע, האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט; די אונטערשטע ליפּ האָט זיך אַרויסגערוקט ווייטער פאָרויס; אַ מויל־ווינקל האָט זיך געעפנט און דורך פאַרקלאַמערטע, בלאַנקענדיקע ציין האָט אַרויסגעסיקעט: „טאָ־ראַנ־טאָ... קע־נע־דאַ... דונערן... אין האַרבסט...“ דער קאָפּ האָט צוגעשאָקלט מיט פאַרניכטנדיקער איראָניע.

הערשל האָט פּאַמעלעך אַראָפּגעשטעלט די פּיס אויפן דיל, נאָכשיקנדיק, נישט איילנדיק, די רעשט פון זיין גאַנצן גוף. ער האָט פלעגמאַטיש זיך אויסגעגענעצט און אויסגעגלייכט די ביינער; דורכגעפירט מיט די ביינערדיקע פינגער איבער די רעשטלעך פון דער אַמאָל געדיכטער טשופּרינע; אַריינגעבליקט אין שפּיגל, ווי וועלנדיק זיך איבערצייגן צי ער שפּילט ריכטיק זיין אייגענע ראָלע, און, ער איז אַרויס אויף דער גאַס.

דער רעגן האָט איצט געפּלייצט ווי טרערן פון דערלייכטערונג אויף אַ געדריקט געמיט. די ווירבלענדיקע צעפּלעך רעגן האָבן געראָשט ווי זיך־ריישנדיקע ציבעלע אין פּרעגלענדיקן בוימל. הערשל האָט זיך דערמאָנט ווי ער פלעגט דאָס, קינדווייז, אַוועקשטעלן זיך מיטן בלויזן קאָפּ אונטער דעם זיפּנדיקן זומער־רעגן. די מאַמע האָט עס עהאַלטן פאַר אַ סגולה צום וואַקסן. און ער האָט ליב געהאַט די קרישטאָלענע טראָפּנס, וואָס פלעגן — שימערירנדיק מיטן אָפּגלאַנץ פון רעגנבויגן — זיך קייקלען איבער זיין הויט, קילנדיק און דערקוויקנדיק זיין געזיכט. הערשל האָט זיך, ווי אַמאָל, געשטעלט אונטערן פלייץ. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז, ווי אַ הערשעלע פאַר דער שחיטה, און האָט געפאַנגען דערקוויקנדיקע טראָפּנס אויף זיינע פאַרטרוקנטע ליפּן. דער רעגן האָט אָנגעהויבן אַראָפּטריפן פון די האָר איבער זיין געזיכט, אַזוי ווי עס קאַפּען אַראָפּ פּערעלעך קרישטאָל פון די טוי־באַהויכטע בלעטער אויף די צייטיקע עפּל. אַ ווינט האָט, גלעטנדיק, געקרעפּטיקט זיינע באַקן. די צעשפּרייטע, ציטערנדיקע נאָזלעכער האָבן טיף איינגעאָטעמט פרישקייט פון רייפנדיקע פּרוכטן. די בלוטן האָבן שטיל אויפגעזונגען, ווי אַ סיקענדיקער טשייניק אויף לעבעדיקן זשאַר. זיי האָבן געזונגען, זיך צעזונגען, זיך צעזאָטן, און אַ זעץ געטאָן מיט דער גאַנצער היץ צום האַרץ. די ברוסט האָט זיך אָנגעשטאָלט און די ליפּן האָבן זיך אַנטשלאָסן פאַרפּרעסט; די נאָזלעכער האָבן זיך אָנגעשטעלט ווי פערדישע כראַפּעס, און די הענט — אין די הויזן־קעשענעס פאַרדרוקט; האָבן די פּיס, פון זיך אַליין, זיך צעמאַרשירט; דערהויבנקייט האָט דעם קאָפּ מיט שטאָלץ באַקרוינט, און פּראָטעסט האָט זיך צעברויזט און צעהילכט אין דעם קאַמף־ליד:

„ווי לאַנג, אָ, ווי לאַנג וועט איר בלייבן
נאָך שקלאַפן
או ןטראָגן די שענדלעכע קייט?
ווי לאַנג וועט איר גלענצענדע רייכטימער שאַפן —
פאַר דעם וואָס באַרויבט אייער ברויט?“

הערשל הערט ווי עס פּויקן טריט אויף אַספאַלט פון די גאַסן. עס וויגן זיך ריטמיש מאַרשירנדיקע קאָלאָנעס. דער שטאָלצער רוף פון ליד צעברויזט דעם קאַמף־לוסט. די קעמפער רייסן זיך פאָרויס, ווי אַ וויכער, מיט פלאַטערנדיקע האָר ווי שטורעם־פענער אויפן ווינט. ער שפּאַרט אין זייער שפּיץ. פירט ער זיי, אָדער ער ווערט מיטגעריסן אין זייער מיט?

די לעצטע יאָרן האָט ער מאַרשירט אין מיט פון צעברויזטע מאַסן, סיי אין פאַשיסטישן פוילן, סיי אין פרייען קאַנאַדע. אָבער, ער האָט זיך קיין איין מאָל נישט אויפגעלייזט אין זיי ביז פאַרגעסנקייט; ניט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ קעמערל פון גאַנצן גוף; נישט געדריגעט מיט זיין פוס, נישט געריסן זיך צום סאַמע שפּיץ פון קאָפּ. ווי אַ נישט־צעמאָלן תבואה־קערנדל אין אַ בלעזעלע פון אַ לעבל ברויט, שטעקט ער פרעמד און אָפּגעזונדערט אין קערפּער פון אַ מאַסע. דאַכט זיך — דער זעלבער מין; דאָך — נישט צעמאָלן; פרעמד, און נישט־צעמאָלן...

## ב.

קינדוויין. אַ ווינטערדיקער שבת־אין־
דער־פרי. דער טאַטע, יאָשע שוחט,
דאַוונט שחרית פאַרן עמוד. — אין דער
מלחמה זיינען אויסגעשטאָרבן די אַלטע
בעלי־תפילה. מוזן די פיר שטאָט־שוח־
טים דאַווענען שבתים פאַר די פאַרגרעב־
טע בית־מדרש בעלי־בתים. אַוודאי וואָלט
זיי ביחאָר געווען צו דאַוונען אין זייערע
חסידים־שטיבלעך. — הערשעלע שטייט
לעבן טאַטן. ווען דער טאַטע איז איינגע־
הילט אין טלית, האָט אים הערשעלע אַם־
ליבסטן; דער טאַטע פאַרלירט דעמאָלט
זיין שטרענגקייט און ווערט ענלעכער צו
דער האַרציקער מאַמען, ווען זי איז אַרומ־
געהילט מיט איר גרויסער שאַל. דער
רויטבעקלדיקער הענעך, דעם רייכן
שמחה קאָניעכס יינגל, וואָס צוליב זיין
פעטקייט און קאַטשקעדיקן גאַנג, רופט
מען אים באַבעצע — ציפט אויס די לעצטע
רעשטלעך וואַטע פון הערשעלעס פאַר־
פעצט מאַנטעלע. דאָס מאַנטעלע, פון אָפ־
געריבענעם רויטן פליוש, איז איבערגע־
נייט געוואָרן פון דער באָבע עליה השלומס
אַ מיידלש סאַקל. איבערגענייט איז עס
געוואָרן פאַר הערשעלעס שוועסטער
וועגן, רבקהלען. אָבער, טראָגן טראָגט
עס יעדער איינער אין שטוב אויף ווען
עס קען נאָר אַרויף. הענעכקע חוזקט פון
הערשעלעס פאַררעדן די ציין וועגן עפּעס
אַ ניי פוטערל, וואָס מען נייט אים שוין
אַ גאַנצן ווינטער, און ס׳איז נאָך אַלץ
נישט פאַרטיק...

אויף הערשעלען וואַרט אַ נישט־גע־
הייצטע — צוליב פרומקייט כלומרשט —
שטוב. עס וואַרט אויף אים אויך די איינ־
ציקע פרייד פון דער וואָך — דאָס האַלבע
פונטעלע פלייש, וואָס ווערט דורך דער
מאַמעס האַנט מייסטערהאַפט צעפיצלט
אויף אַכט פאָרציעלעך. ס׳וואָלט געדאַרפט
זיין ניין. ליגט אָבער דער ניינטער, דער
בכור, שוין דאָס פינפטע יאָר אין פינצ־
טערן קבר. צו זיבעצן יאָר איז ער פון
אַ דייטשן שראַפּנעל אויסגעגאַנגען. ווערט
יעדער ביסן, ביי יעדן מאָלצייט, באַ־
שמאָלצן מיט דער מאַמעס אַ שרפענדי־
קער טרער. הערשעלע צעטיילט זיין חלק
אויף באַזונדערע הערעלעך און פאַרבייסט
ניט ברויט. ער האָט זיך אויסגעלערנט
צעשפּאַלטן די פיינסטע הערעלעך אויף
נאָך פיינערע, כמעט אומזעבאַרע, כדי
אַזוי אַרום צו פאַרלענגערן די מלכותדיקע
סעודה. ער לאָזט איבער איין הערעלע
צום פאַרנאַשן, נישט פאַרבייסנדיק נאָך
דעם קיין ברויט. ער האָט זיך אויסגע־
לערנט אויסצונאָגן פון יעדן הערעלע דאָס
לעצטע ביסל זאַפט, און פאַרבלייבן מיטן
טעם אויף שעהן.

נאָך דער סעודה. אין פאַרשטיקטן בית־
מדרש — דעם מקום־מקלט פאַר די קינ־
דער פון אַלע נישט־געהייצטע הייזער —
יאָגן זיך אַרום באַלעמער קינדער אין
גראָע וואַטעווקעס, מיט אַרויסשטאַרנדיקע
ציפּקעס וואַטע און נאָכהענגענדיקע צויטן.
הערשעלע וויל רודערן צוזאַמען מיט זיי.
צוליב דעם לעצטן ביסל רויטן פליוש
אין זיין וואַטעווקע, פאַסט ער זיך
נישט צום רומל. גרשון — גרשון דעם
שמאַטע־קויפערס יינגל — פאַרפאַרט אים
אין די ציין אַריין: „אַ רוח אין דיין טאַטנס
טאַטן אַריין, שוחט גנב!"

מיט יאָרן שפּעטער איז אויפגעגאַנגען
אין זיין, נאָך גאָר יונגן האַרץ, די בענק־
שאַפט נאָך באַפרייונג. הערשל איז אַריינ־
געטראָטן אין דער שטעטלשער רעוואָלו־
ציאָנערער אָרגאַניזאַציע. ער זעט נאָך
דעם ענגן פאַררויכערטן צימער, אין
וועלכן ברייענדיקע יוגנטלעכע אויגן האָבן
געטרוימט וועגן מסירת־נפשדיקע העלדנ־
טאַטן. דעמאָלט איז ער, אין התלהבות־
דיקן פלאַם, צונויפגעשמאָלצן געוואָרן
מיט אַלעמען, און איז געווען איינער פון
זיי. און ז י י האָבן געזונגען דאָס דאָזי־
קע ליד, וועמענס וועקנדיקער שאַל האָט
געהילכט ווי דער סיגנאַל־טרומפּייט ביים
שיין פון אָנגעצונדענעם באַגינען, אין
העלדן־לאַגער; און וועמעס נביאיש וואָרט
האָט אָפּגעגלאַנצט אין זייערע אויגן ווי די
פרימאָרגן־זון אין אַ לעבעדיקן קוואַל.

עס קומען נאָך דעם די יאָרן אין ווילנע.
גלייך מיט אַנדערע יוגנטלעכע, וואָס האָבן
זיך געריסן צו אַ תכלית און איבערשיכ־
טונג, איז הערשל אַריינגעטראָטן אין דעם

טעכניקום ביים „אָרט“. ער האָט געטרוימט דורכצוגליען זיך אין דער פּראָדוקטיווער אַרבעט און דערגרייכן דעם ערנשטאַנד פון אַ פּראָלעטאַריער. זיין ענטוזיאַזם איז געווען אין לשער. איין קלייניקייט — אַ פּראָלעטאַריער! אפילו דאָס הונגערן האָט נישט דערדריקט זיין געמיט. עס האָט אים גאָר הנאה געטאָן דאָס אַרויסטרייבערן פון זיך דאָס ביסל זאַטקייט פון די לעצטע יאָרן און די וואַרעמקייט פון דער היימישער נאָרע. מיט שטאָלץ האָט ער זיך געקלאַפּט מיט דער פּריש פאַרהאַרטעווטער האַנט אין ברוסט: „מיר פּראָלעטאַריער!“

עס גייט אויף דאָס בילד פון אַ נאַכט. אַ שמוציקער און ענגער צימער אויף יאַטקעווער געסל. הערשל מיט זיין חבר, ליאָניע ראָזן, ליגן אויף פאַרוואַנצטע בעטלעך. דער הונגער קנייפּט און ציפּט הערשלס אינגעווייד, און שאַרפט מיט סם די שטשירנדיקע ציין. הערשל דערציילט וועגן זיין קינדהייט פון אָרעמקייט און פאַרשעמונג, וועגן טאַטן, וואָס שמייכלט פאַרלוירן נאָך די עזותדיקע רייד פון אַ יעדן בעל־גוף; וועגן דער מאַמעס פּיין ביים צערעווען דאָס שפּינוועבס פון אַלטע לאַטעס; וועגן איר באַר־מים־עד־נפשדיקן פּראָטעסט, ווען זי האָט אַ ריס געטאָן הערשלען ווי אַ צעפּלאָשעט הענדל, און האָט אַרונטערגעשטופּט זיין מחילהכל מיט די „קוואַס־עפּל“ אין די הויזן, גלייך אונטער'ן ראש־הקהלס הדרת־פּנימדיקער נאָז: „איצטערט זעט עץ שוין, ר' יהודה בעלפּעריונג, צי מען דאַרף נישט קיין הוספה?!“

פון הערשלען האָט ווייטער אַרויסגעביטערט וועגן זידלוואָרט „פאַרשיווער זשיד!“ — באַגלייט מיט קלעפּ פון אויפגעהעצטע שקצים — אין דער פּוילישער שקאָלע, און וועגן דער שאַנד פון ווערן באַשטראָפט פאַר די זינד פון באַלעבאַטישע זינדלעך; וועגן דער בענקשאַפט וואָס איז אויפגעגאַנגען, און וועגן דאָס בלוט אויף די ווענט פון טורמע־צעלעס; וועגן דעם דאָרשט נאָך וויסן און יידיש־וועלטלעכער קולטור, און וועגן, דורך זשאַנדאַרמען, פאַרחתמעטע יידישע סעמינאַרן, גימנאַזיעס און שולן. האַס און נקמה־לוסט פלאַקערן אויף אין הערשלען, און ער פייערט אַרויס: „ווי צו אייך אין טאָג פון אונדזער צאָרן, ווי צו אייך!“

אין ליאָניען האָט זיך דערוועקט די שינאה פון זיין בעל־גופישן טאַטן, מיט וועלכן ער איז אגב ברוגז, צום שוחטישן שטאַם. ליאָניע האָט זיך צעהירזשעט מיט שפּאָט: „נאָך דער רעוואָלוציע וועסטו, אַ קלעריקאַלס זון, זיין אַ רעכטלאָזער „ליישעניעץ“!...“ הערשל איז אַנטשטומט געוואָרן, ווי ס'וואָלט אים אָטעם אויסגעפּעלט.

עס האָט אויפגעטויכט פאַר אים דאָס בילד פון אַ הייסן זומער נאָך וואַרמעס; ער מיט זיין טאַטן אין פּוסטן בית־מדרש, איבערן חומשל דברים. זייער זינגעוודיקער ניגון גיסט זיך צונויף מיטן מאָנענדיקן זשומען פון אַ פליג וואָס קלאַפּט דעם קאָפּ אָן דער פאַרשטויבטער שויב: „וישמן ישורון ויבעט“. פון איבלדיקער פעטקייט בריקעט זיך ישורון פאַר גאָט און זיינע אויסדערוויילטע... די שווילטעגער לעסטערן גאָט... איז אפשר דער טאַטע גערעכט?

דער צווייפל האָט זיך פאַרקליבן אין זיין האַרץ, ווי אַ טאָטשענדיקער וואָרעם אונטער דער קאָרע.

## ג.

הערשלס פּראָלעטאַריזירן זיך איז נישט געגאַנגען ווייטער פון עטלעכע מאַטעמאַטישע פאָרמעלעך און אַ לאַנגער דיפּלאָמפלאַכטע. מען דאַרף נישט קיין טעכניקער — און יידישע דערצו — אין פּאַשיסטישן פּוילן. אין שטעטל האָבן זיך אַלע געפרייט און געחוזקט איבער הערשלס מפּלה. און ער האָט זיך איינגעגראָבן אין זיך. זיין הויט איז געוואָרן זיין שטאָלענער פּאַנצער. זיינע אויגן האָבן אַרויסגעבליקט אויף דער וועלט, ווי דער טויכער דורך די צעלולאָיד־שפּאַקולן אין זיין שווים־קאָסטיום. פאַרשטייפט האָט ער דעפּילירט צווישן מענטשן. ער האָט מורא געהאַט אויסצודרייען זיין בליק רעכטס אָדער לינקס. ביי יעדן קער האָט ער געפילט ווי ער וואָלט אויפגעדעקט זיין ערווה. איז טאַקע יעדער ריר זיינער אַרויסגעקומען אומגעלומפּערט, און ער

האָט געפילט גלייך ווי אַלע וואָלטן דער־
זען זיין שלימזלדיקע באַקעטקייט...

ווען דו ליגסט זיך איין מיטן קאָפּ אויפן
האַרטסטן שטיין, געפינסטו אים באַקווע־
מער, נישט ווייל דער שטיין איז ווייכער
געוואָרן, נייערט ווייל דיין מאַרך האָט
שוין באַוויזן איינצושטילן די אַלאַרמירנ־
דיקע שפּירונגס־נערוון — מיט טרייסטנ־
דיקע באַקוועמלעכקייט אילוזיעס. הערשל
האָט אָנגענומען פאַר ליב דעם יאָך פון
פאַרפרעמדקייט, אָפּצוימענדיק זיך מיט
אַ פּאַנצער פון ביטול און סקעפּטיציזם
צו מענטשן און צו זיך אַליין.

ער געדענקט ווי ס'האָט אים אויפגע־
קאָכט די „צביעות" וואָס ער האָט אַנט־
פּלעקט — לערנענדיק מיטן טאַטן די דינים
פון תשעה באב — און די סיומס וואָס
זיינען מתיר די למדנים אַרויסצודרייען
זיך פון די אָבלדיקע, מילכיקע סעודות,
אין די ניין־טעג. די דאָזיקע צווייטאָסי־
קייט און די הערה פון רמ"א וועגן נישט
אַרויסגעבן דעם סוד פאַרן המון־עם, האָט
אים אָנגעגירט מיט שטאָלץ אויף זיין
אפּיקורסות. מיט יאָרן שפּעטער האָבן
אים פיינלעך געשטאָכן די ציניש באַ־
מערקונגען פון רעוואָלוציאָנערע טוער,
אַז דעם עולם קען מען נאָך געווינען מיט
כיטרע רייד און אויסגעקליגלטע גענג,
און נישט מיט דער „קליינשטעטלדיק־
נאַאיווער" אויפריכטיקייט, וואָרן דער
עולם איז אַ גולם. איז, מה הועילו חכמים
בתקנתם? וואָס האָט ער דאָ אויפגעטאָן
מיטן בייט? ר'האָט אויסגעטוישט פאַר־
שטונקענע פיש אויף פאַרפוילטע הערינג?

איצט האָט ער אַליין — זעענדיק אַ
ראיה אינעם זיג פון היטלעריזם — שוין
אויך געגלויבט אין דער אַלמעכטיקייט
פון דעמאַגאָגיע. די זכיה צו פאַרשטיין
די אמתע לאַגע האָבן נאָר יחידי־סגולה.
דאָס זען ציניקער ביים רודער פון דער
רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע האָט אים
מער נישט איבערראַשט. להיפוך, עס
האָט באַשטעטיקט זיין גלויבן, אַז אויפ־
ריכטיקייט איז אַ פאַרלעגענע סחורה.
דער גורל פון זיג אָדער מפּלה צאַפּלט
זיך ווי אַ הילפלאָז שיפל אויף דער צע־
ווילדעוועטער כוואַליע פון געהעצטן המון.
דער קלאָרער, ניכטערנער קוק אין פּנים
פון דער וועלט איז גוט פאַר אַ שטילן
חשבון מיט דעם אייגענעם געוויסן און
געמיט. איצט האָט ער באַרעכטיקט דאָס
באַנוצן זיך מיט דעמאַגאָגיע — נאָך מער,
ער האָט זי אַרויסגעהערט פון די האַר־
ציקסטע, אויפריכטיקסטע, באַגייסטערנ־
דיקע ווערטער — און דער ביטול צו די
מענטשן וואָס קענען נאָר פאַרדייען דעם
דאָזיקן זיס־עקלדיקן שטאָף, איז גע־
וואָקסן. זיך אַליין, דעם פיינשמעקער,
וועמען עס שמעקט נישט דאָס פאַרטיי־
אישע געקעכץ, די ציניש קאָזשעלקעס
פון דער גענעראַל־ליניע, וואָס לאָזן די
העכסטע פירערס מיט אַרויסגעשטעקטע
צינגער, אין לעמישקעוואַטע פּאָזעס פון
מאַראָנישע פּאַיאַצן, אָדער נאָך ערגער...
האָט ער אָפּט מאָל געהאַסט פאַר זיין
שלימזלדיקער אומצופּאַסיקייט, כדי, אין
מינוטן פון צוריקפאַל צו זיין אַלטן „איך"
צו שטאָלצירן מיט דער אייגענער אויס־
דערווילטקייט...

אָבער אין די זעלטענע מאָמענטן פון
דערהויבנקייט, צעזינגט זיך זיין בלוט מיט
דעם שטילן סיקען פון טשייניק אויף לע־
בעדיקן זשאַר.. עס פּלאַצן דעמאָלט אַלע
צוימען, און עס צעשטורעמט זיך די
לעבנס־פרייד, ווי אין פרילינג — דער
מיט ר ע ש צעעפנטער ט י י ך. עס
שטייפן זיך די מוסקולן. יעדעס קעמערל
אָטעמט־איין יונגקייט און גבורה. אין
האַרץ קלעמט די בענקשאַפט, קלינגט־אָפּ
מיט פיינסטן טאָן, און פאַרשוועבט מיט
אָדלער־שטאָלץ צו דער טיפסטער הייך
פון זעניט.

אַלע ספקות פאַרשווינדן. הערשל דער־
הערט (וואָרן עס גלוסט זיך צו דערהערן)
דאָס וואָרט פון פירער אויפגיין פון די
טיפענישן, ווי אַ קלאָר קוועלכל. דאָס
וואָרט פון פירער קלינגט שאַרף, שטאַרק
און ערלעך; און ס'איז געשמאַק ווי דאָס
פּראָסטע פויערשע ברויט נאָך אַ טאָג
פון מי. דער גלויבן גייט איבער די
ברעגן פון האַרץ און פאַרשיכורט אַלע
גלידער מיט ליבע, וואָס פאַרהילפט, ווי
ווייַרויך, דעם האַס. דאָס ליד צעגלעקלט
זיך, ווי אַ זוניק גליק־געזאַנג, צו דער

רבקה קאָפּע / פּאַריז

# אינעם מלכות פון קונסט

שוין זייער לאַנג ווי איך האָב באַזוכט די אַטעליע פון קינסטלער מיכאל מילכבערגער. דעריבער בין איך איצטער אַרויפגעשטיגן די טרעפּ מיט געפיל, אַז איך לייטער אַרויף צו געניסן פון געלייטערטע קונסט, וואָס איז דורך דער צייט באַרייכערט געוואָרן אין כמות — און וואָס איז שוין מיט יאָרן צוריק געווען אויף אַ הויכן שטאַפּל צו נאָך אַ העכערן. דאָס דאָזיקע געפיל האָט זיך געכפלט ביי מיר ביים אַריבערגיין דאָס לעצטע טרעפּל פון זיין אַטעליע, און ביים אַריינקוקן אין די גיפּסענע און בראָנזענע ביוסטן איבער וועלכע מען האָט שוין פיל געשריבן און אילוסטרירט אין צייטונגען און אין פּעריאָדיקעס.

אַנטקעגן, געפּאַסט פּאַר אַ פּראָנטאַלן טייל פון אַ מוזעאום, שטייט אַ ראָזע גיפּסענע ביוד (פּרויען־מאָדעלקע). ראָז איז אַ סימבאָל פון פרייד. אירע אָרעמס זענען אויפגעמאַכט. אויך די פלאַכן פון די הענט, גראַציעז האָריזאָנטאַל צעעפנט, בלויז די פיס זענען צניעותדיק צוזאַמענגענומען. זי זעט אויס ווי אַ טאַנצנדיקע, נאָר אין אַ פּאָזע פון אַ תפילהדיקן ריטואַל. אַנפּאַס איר אַ צווייטע פּרויען־פיגור, ווי אַוועקגעשטעלט צו אַ שטומען דיאַלאָג וועגן מענערוואַרג...

מיכאל מילבערגער דערלאַנגט מיר אַ שטול און אַליין נעמט ער זיך באַוועגן ווי אַ גרויסער אומרו פון אַן אַנטיקן־זייגער... ער שטעלט מיר פאָר זיינע גיפּסענע און בראָנזענע ביוסטן און קעפּ. מען זעט זיי אויף פּיעדעסטאַלן. אויף ווענטפּולקעס און אין אַלע ווינקלען —— אפילו אויף דער ערד; עס טוט זיך ביי אים קעפּ־אויף־קעפּ!...

די פריערדיקע פּערזענלעכקייטן וואָס ער האָט איבערגעשאַפן אין גיפּס, געפינען זיך אַ ביסל אין הינטערגרונט; פון דעסטוועגן דאָמינירט צווישן אַנדערע דער פראַנצויזישער גענעראַל קעניג מיט זיין אַריסטאָקראַטישן גלאַנץ פון אַ מיליטער־מאַן, וואָס איז שוין זעקס מאָל געגאָסן געוואָרן אין בראָנז. דער קינסטלער שטעלט זיך לענגער אָפּ ביים מעדיציניש וויסנשאַפטלער, דער נאָבל־פּרייז־טרעגער, אַנדרעי לוואָוו. אַליין אַ מאָלער פון אַ משפחה סקולפּטאָרן. ווי מיר וויסן האָט ער פאַרנומען אַן ערן־אָרט אינעם פּאַסטער אינסטיטוט.

מילבערגער האָט מיט זיין פּראָפעסיאָנעלן כוח אין דער פּלאַסטישער קונסט געוואָלט אויך דערגיין צו געבן אַ ירושהדיקן אויסדרוק פון זיין משפחה־שטאַם פון סקולפּטאָרן — און דאָס געהערט שוין

הערלעכקייט פון וועלט און מענטש...

— — — — — — — — — — — —

— האַלאָ !

— אָ... האַלאָ !

הערשל האָט אַ צאַפּל געטאָן, און — דערשטוינט — אויפגעכאַפּט זיך אין דער ניכטערער וואָר. ער האָט געוואָלט אָנשטייפן זיין גאַנג און אויספרעסן דעם שמייכל אויפן פּנים. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. זיין באַקאַנטע איז שוין פאַרבייגעשוואונדן, און האָט — צוריקקוקנדיק פון דער וויטנס — איראָניש געשמייכלט, צושאָקלענדיק באַדויערנדיק מיטן קאָפּ.

דער רעגן האָט שוין לאַנג אויפגעהערט. עס האָט געשמיסן אַ בייסנדיקער ווינט. אויפן הימל — אָפּגעבליאַקעוועט ווי אַן אַלט פּרוכת — האָבן געגליווערט וואָלקנדלעך ווי ווייסער קעז. אַ סימן — אויף אַ גרייפּל שניי און פראָסט. די ביימער זענען געשטאַנען ווי אָפּגעשמיסענע באָד־בעזעמלעך. דער ווינט האָט געריסן זייערע אויסגעקראָכענע טשופּרינעס, און האָט געשניטן די לופט מיטן געפייף פון זייערע ריטלעך. הערשל האָט געשלעפּט די שווערע פיס — און נאָך שווערער געמיט — צוריק צום טונקעלן, איינזאַמען צימער...